בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת משפטים תש"פ** | *שבת שקלים – מברכין* | **גליון 541 [שנה י"ב]**

**א חידוש פון תרגום אונקלס ביי עבד עברי**

כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד: (כא ב) דער תרגום אונקלוס טייטש אֲרֵי תִזְבּוֹן עַבְדָּא בַּר יִשְׂרָאֵל, וואס דאס מיינט "א קינד פון א איד", אויב אזוי פארוואס אין פ' מקץ (מא יב) וְשָׁם אִתָּנוּ נַעַר עִבְרִי טייטש דער אונקלוס: וְתַמָּן עִמַּנָא עוּלֵים עִבְרַי, און אויך אין פ' וישב (מ טו) כִּי גֻנֹּב גֻּנַּבְתִּי מֵאֶרֶץ הָעִבְרִים, טייטש דער אונקלוס אֲרֵי מִגְנָב גְּנִיבְנָא מֵאֲרַע עִבְרָאֵי, וואס דאס מיינט עִבְרִי "א איד"? נאר מען קען זאגן אז דער אונקלס איז מרמז דער דרש פון גמ' (ב"מ דף עא ע"א) אז א גֵר קען זיך נישט פארקויפן אלץ א עֶבֶד עִבְרִי ווייל עס שטייט ביי עֶבֶד עִבְרִי (ויקרא כה מא) וְשָׁב אֶל־מִשְׁפַּחְתּוֹ, ביי יוֹבֵל גייט דער עֶבֶד עִבְרִי צוריק צו זיין משפחה, און א גֵר האט נישט קיין משפחה, דאס מיינט דער אונקלוס: אֲרֵי תִזְבּוֹן עַבְדָּא "בַּר יִשְׂרָאֵל" קענסט קויפן נאר א עבד וואס איז דער קינד פון א איד און קענסט נישט קויפן א גר. (אבני שוהם להגאון ר' משה ליב שחור מגאוני ירושלים מחבר ספרי בגדי כהונה וכח התשובה)

**הוצאת שבת איז א רפואה**

רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא: (כא יט) עס שטייט אין גמ' (שבת דף יב ע"א) **הנכנס לבקר את החולה אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא**, דאס מיינט אז שבת איז כדאי צו מגין זיין פון קרענק, און די רפואות זענען שייך צו שבת, ווייל אויב א מענטש איז ממעט פון הוצאות שבת ויו"ט וועט ער מוזן געבן די געלט וואס ער האט געשפארט חלילה אויף רפואות, מדה כנגד מדה, ממילא איז גוט דער פסוק, רַק איז א מיעוט, און שִׁבְתּוֹ מיינט שַׁבָּת, אויב א מענטש וועט ממעט זיין פון הוצאות שבת, דעמאלטס וְרַפֹּא יְרַפֵּא וועט ער מוזן זוכן רפואות. דעריבער זאל מען מהנה זיין דעם שבת. (ערוגת הבושם אב"ד חוסט)

**בשר בחלב וועט זיין מותר לעתיד לבא**

לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ: (כג יט) די גמ' (חולין קטו:) לערנט ארויס פון דאס וואס עס שטייט דריי מאל אין די תורה לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ: א איסור אויף בישול און אכילה און הנאה פון בָּשָׂר בְּחָלָב און אין שו"ע (יו"ד סי' פ"ז א') פסקענט מען אז מדאורייתא איז נאר אסור בישול בָּשָׂר בְּחָלָב, קומט דער רבינו בחיי אויף אונזער פסוק און איז מחדש אז דער דין פון איסור בָּשָׂר בְּחָלָב איז נאר בזמן הזה, ווייל איסור בָּשָׂר בְּחָלָב, איז מצד דער יצר הרע, אבער לעתיד לבא וועט נישט זיין קיין יצר הרע וועט זיין מותר בָּשָׂר בְּחָלָב ע"כ. מיט דעם קען מען פארענטפערן די וועלט'ס קשיא: ווי אזוי האבן די מלאכים געמעגט עסן בָּשָׂר בְּחָלָב ביי אברהם: וַיִּקַּח חֶמְאָה וְחָלָב וּבֶן הַבָּקָר אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ "וַיֹּאכֵלוּ" (בראשית יח ח)? נאר לויט דעם רבינו בחיי איז גוט: ווייל די מלאכים האבן נישט קיין יצר הרע, ממילא איז בָּשָׂר בְּחָלָב נישט אסור פאר זיי, דעריבער האבן זיי געמעגט עסן בָּשָׂר בְּחָלָב. (בהיות בבוקר, אות תקפ"ח, הגה"צ ר' שאול בראך זצוק"ל)

## פנת ההלכה

### בענין חייב להקביל פני רבו ברגל בזמן הזה

שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה: (כג יד) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט ווייטער שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ (כג יז) אויב אזוי וואס קומט דער פסוק דא צו מחדש זיין? נאר עס שטייט אין גמ' (ר"ה דף טז: וסוכה דף כז:) **מניין שחייב אדם להקביל פני רבו ברגל שנא'** (מלכים ב ד כג) מַדּוּעַ אַתְּ הֹלֶכֶת אֵלָיו הַיּוֹם לֹא חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת: **מכלל דבחדש ושבת מיחייב איניש לאקבולי אפי רביה**. און די פוסקים זענען דַן, צו דער דין איז נאר בזמן המקדש, אדער אויך בזמן הזה. אלע ברענגען דעם **שו"ת נודע ביהודה** (או"ח סימן צד) וואס פרעגט: פארוואס שטייט נישט דער דין אין שו"ע? און ער ענטפערט ווייל דער דין איז נאר בזמן שביהמ"ק היה קיים, ווייל ער האלט אז דער דין פון קבלת פני רבו ברגל איז שייך צו די חיוב פון ראיית פנים בעזרה. דער **ערוך לנר** (סוכה דף כז:) דינגט זיך מיטן **נודע ביהודה** און שטעלט צו דער **מגן אברהם** (או"ח סי' תקנ"ד ס"ק י"ב) וואס האלט אז מען איז מחייב צו מקבל זיין פני רבו אין שבת אפילו היינטיגע צייט. דער ספר **עיון מנחם** (מס' סוכה דף כז: להגאון ר' מנחם פאללאק אב"ד סערענטש) שרייבט אז בזמן הבית האט מען דאך געמוזט גיין מקבל זיין פני השכינה מוז מען זאגן אז קבלת פני רבו אין נאר בזמן הזה. דער ספר **אברהם יגל** (פ' משפטים להגאון ר' אברהם הכהן מתונס) האלט אז דאס וואס עס שטייטביידע פסוקים שָׁלֹשׁ רְגָלִים און שָׁלֹשׁ פְּעָמִים נאנט צו זיך, מיינט דאס אז בזמן הבית האט מען געמוזט אדער עולה רגל זיין אדער מקבל זיין פני השכינה, און דער וואס האט נישט געקענט עולה רגל זיין האט ער יוצא געווען די מצוה פון עלייה לרגל, דורך קבלת פני רבו. ממילא וואלט מען געקענט מחדש זיין לענ"ד: אז ווייל די צוויי פסוקים זענען געבונדן, וועגן דעם איז דא אייביג די מצוה פון קבלת פני השכינה, אבער ווען עס איז נישטא דער ביהמ"ק דעמאלטס קומט אריין דער חיוב פון קבלת פני רבו, און דאס איז טאקע חֹדֶשׁ און שַׁבָּת, וואס רבי יצחק האלט אז מען איז שטענדיג מחוייב צו מקבל זיין פני רבו, און כ"ש ברגל וואס מען וואלט געדארפט מקבל זיין די פני השכינה איז מען היינטיגע צייט מחוייב מקבל זיין פני רבו, וואס איז אזוי ווי די שכינה. (שמח זבולון תש"פ)

## מדור העובדות

### דער באיאנער רבי, דער פחד יצחק זצוק"ל, ראטעוועט א בחור פון שמד

אין א שטעטל אין רוסלאנד האט געוואוינט א פאר פאלק, וואס זענען געווען יראים ושלמים, זיי האבן ערצויגן זייערע קינדער בדרך התורה און אויסגעגעבן גרויסע געלטער פאר מלמדים האפנדיג אז זייערע קינדער וועלן אויסוואקסן גדולי תורה, די עלטערן האבן אכטונג געגעבן אויף די קינדער און זיי געגעבן די ריכטיגן חינוך און דוקא זייער בכור וואס איז געווען א בעל כשרון און גוט פארשטאנען זיין לערנען, אבער ער האט זיך אנגעהויבן זיך חבר'ן שטילערהייט מיט גויישע שכנים, און די השפעה פון די חברים איז געווען זייער שלעכט אז זייער בכור איז צוביסלאך אראפ פון אידישן וועג.

אין אנפאנג האט דער זון געטאן עבירות באהאלטערנערהייט, און נאך אלץ געגאנגען צו זיין מלמד, אבער איין טאג איז ער אהיימגעקומען און האט עובר געווען עבירות בפרהסיא, און געזאגט ער היט נישט די מצוות מער רח"ל! און ווייל דער טאטע האט נישט געבאפט אז זיין זון איז שוין פארדארבן א

לענגערע צייט, האט דער טאטע געמיינט אז עס איז א צייטווייליגע שטות וואס איז אריין ביי זיין זון, און דעריבער האט ער געגעבן מוסר רייד פארן זון אבער עס איז שוין געווען צו שפעט, און דער זון האט געהערט און אפגעלאכט רח"ל וואס זיין טאטע האט אים געזאגט.

דער ביטערן טאג איז געקומען ווען דער זון איז נישט אהיים געקומען און דער זארג איז געווען גרויס ביי די עלטערן, און נאכן זוכן האט מען געטראפן א קליין צעטל וואס זייער זון האט געשריבן און איבערגעלאזט: אז ער וועט שוין נישט צוריקקומען, און ער גייט זיך שמד'ן רח"ל אין דעם גרויסן קלויסטער פון שטאט! דער בריוו האט צושוידערט די עלטערן און האבן נישט געקענט פארשטיין פארוואס ער זאל אזוי פאלן? דער טאטע האט געזאגט אז דער דין איז אז מען דארף זיך רייסן קריאה און זיך זיצן שבעה! אבער די מאמע האט זיך נישט פארלוירן און געזאגט מען זאך נאך ווארטן, ווייל עס קען נישט זיין אז זייער זון וועט זיך שמד'ן, און באמת איז די צער גרויס, אבער עס איז דא א גרויסער צדיק, א פועל ישועות אין באיאן און מען דארף זיך אהין קערן און אויסגיסן אונזער הארץ און דער צדיק וועט אונז זיכער העלפן, און דער מאן האט איר געפאלגט און האט מסכים געווען צו די עצה פון זיין ווייב און זיי זענען געפארן צום פחד יצחק פון באיאן.

די כח התפילה פון א אידישע מאמע איז גרויס, און פון יענעם מינוט האט די מאמע נאם געמאכט איר תהלים און געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל ראטעווען זייער קינד פון שמד רח"ל, און ווען זיי זענען אנגעקומען צום הויז פון צדיק האט די מאמע געזאגט אז זי שפירט א האפענונג לטובה, און זיי זענען אריין צום צדיק מיט זייער בקשה און צער, און די מאמע בעט ביי דעם רבין אז ער זאל זיין דער ריכטיגער שליח צו ראטעווען זייער זון, און דער רבי ווערט זייער ערנסט, און פרעגט צו זיי ווייסן וואו זייער זון געפינט זיך? האט די מאמע געענטפערט אז אין זייער שטאט איז דא א גרויסער קלויסטער וואס האט א הויכע וואנט, און מען קען נישט סתם אריינגיין אדער ארויסגיין.

האט דער רבי געזאגט: מען זאל גיין צום טויער פון קלויסטער און ווען די שומרים גייען אוועק זאלן זיי שרייען מיין נאמען: "יצחק בן מרים" און זיך נישט מייאש זיין און דער אויבערשטער וועט זיי זיכער העלפן. די ערשטע זאך איז די מאמע געפארן צום קלויסטער און עס פאלט איר א שרעק פון די גלחים וואס דרייען זיך אריין און ארויס אבער זי האבן געווארט ביז עס איז געווארן ליידיג און זי נעמט זיך שרייען "יצחק בן מרים, יצחק בן מרים", און זי גיסט א הייסע תפילה אז אין זכות פון הייליגן צדיק זאל איר זון תשובה טאן!

דערווייל איז שוין געווארן טונקל, איז די מאמע אהיים געגאנגען, און דער מאן האט מיטגענומען מיט זיך צוויי פון זיינע חברים וואס זענען געווען גיבורים, און זיי האבן איבערגענומען די פרוי, און זיי נעמען זיך שרייען הויך "יצחק בן מרים, יצחק בן מרים"! עס גייט אריבער עטליכע שעה אין די טונקאלע נאכט, ווען א פאָר אידן מאכן קולות און שרייען "יצחק בן מרים, יצחק בן מרים"! זיי זענען געווען מאמינים אין די רייד פון צדיק, און האבן נישט מורא געהאט און האבן מתפלל געווען אז דער רבש"ע זאל שיקן די ישועה יענע נאכט, און טאקע נאך א האלבע נאכט, הערן די אידן א שטארקע קלאפ אויפן ערד אז עפעס איז דארטן אראפגעפאלן!

זיי זענען געלאפן צום ריכטונג פון דעם קלאפ און זיי מערקן אז א גרויסע פעקל פון קליידער איז געפאלן, און פלוצלינג שאקלט זיך די פעקל, ביז עס קומט ארויס א מענטש, פון דעם פעקל קליידער, און פון די ליכט פון קלויסטער האבן זיי באמערקט אז דאס איז דער זון, וואס האט זיך אראפגעווארפן פון דעם הויכן וואנט פון קלויסטער! ער איז געווען זייער דערשראקן, אבער דעם התרגשות איז געווען גרויס, און ווען דער טאטע הויבט אן פרעגן שאלות פארן זון, האט דער זון געשריגן אז מען זאל אים שנעל אוועקנעמען פון דא און מען וועט רעדן שפעטער, ער טאר נישט בלייבן דא א מינוט!

די גיבורים האבן אויפגעהויבן דעם זון און שנעל אוועקגעלאפן פון קלויסטער און אים געברענגט צו זיין מאמ'ן אין שטוב, וואס האט זיך שטארק דעשראקן, אבער ווען דאס קינד איז געקומען צו זיך האט ער דערציילט וואס איז געשען: ער האט געהאט גוייאשע חבירים וואס האבן אים איינגערעדט ווי גוט עס וועט זיין אויב ער וועט זיך שמד'ן און איך האב זיי געפאלגט און גערעדט מיטן הויפט גלח וואס האט אים אריינגענומען מיט א ווארעמקייט און איך האב זיך גוט געפילט. און ער האט מיר געגעבן א שיינע באקוועמע צימער און אלעם געגעבן ביז איך האב שוין אפגעמאכט דעם טאג פון שמד רח"ל,

היינט בייטאג איז מיר אריין א מחשבה אז מיינע עלטערן האבן מיר אזוי שיין באהאנדעלט און איך גיי טאן אזאך וואס וועט זיי צוברעכן אינגאנצן! אבער איך בין געווען פארשפארט אין דעם גרויסן בנין און א הויכע וואנט לאזט נישט אוועקלויפן, און היינט נאכמיטאג פיל איך ווי א שטימע רעדט צו מיר "אנטלויף פון דא דו ביזט א איד"! און די שטימע גייט נישט אוועק פון מיר, און ווייל די שטימע צו תשובה טאן האט זיך געשטארקט, האב איך מחליט געווען אז איך גיי זיך אראפווארפן פון די הויכע וואנט און זיך ארום וויקלן מיט בגדים, און אויב איך וועל זיך ראטעווען וועל איך תשובה טאן, און אויב נישט וועט מיין מיתה זיין א כפרה! און איך האב געטאן למעשה און זיך אראפגעווארפן פון הויכן וואנט, און דער אויבערשטער האט מיר געלאזט לעבן, ממילא האב איך תשובה געטאן און איך וועל צוריקגיין בדרך התורה!

די עלטערן האבן דערציילט פארן זון אז זיי זענען געגאנגען צום הייליגן באיאנער רבין וואס האט געגעבן די עצה פון שרייען "יצחק בן מרים" ביים טויער און דער כח פון צדיק האט געפירט א מלחמה דקדושה מיטן טומאה, אז דעם קול זאל אריינגיין ביי דיין נשמה און טאקע די כח הקדושה האט מתגבר געווען, און האסט אנגענומען די מחשבה צו תשובה טאן. דער בחור האט זיך גענומען צום לערנען און איז געשטיגן אין תורה און זיך צוריק געכאפט צום ריכטיגן וועג.

ווען ער איז שוין געווארן שטארק אין אידישקייט, האבן די עלטערן געפארן קיין באיאן ווייל דער בחור האט זיך געוואלט טרעפן מיטן הייליגער רבין און זיי זענען געפארן קיין באיאן און דער רבי האט זייער מקרב געווען דער בחור און אים געגעבן א דרך אין עבודת ה', און דער בחור איז געווארן שטארק מקורב צום צדיק בלב ונפש, און דער בחור איז געווארן א גדול בתורה און חסידות. און אזוי זענען די עלטערן אויך געווארן נאנט צום צדיק. זיע"א.

[אברהם עבד ה' מסיפורי הגה"ק ר' אברהם אהרונוביץ זצוק"ל שהיה מחסידי הרבי]

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, מסכת עירובין ומס' סנהדרין דפוס סלאוויטא, מגן דוד לר' דוד מטאלנא דפוס ראשון, מכתב ארוך חתום מהגאון ר' אהרן קאטלער, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור ששלח הרה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א לחברו בעת בחרותו להר' בן ציון שענקער, תיקוני זוהר דפוס סלאוויטא, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, א שיינע מחצית השקל פון זמן בית שני, ספר מיט חתימות פון הרה"ג ר' אברהם יצחק וו"ב פון ק"ו בעל מלל לאברהם ועוד, שלש ספרים מיט חתימת הרה"ק ר' שלום הלברשטאם פון פיעקוב א זון פון הרה"ק ר' אהרן קרייזער רב זון פון דברי חיים, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, בריוו פאפא רב און צעהלימער רב זצוק"ל צוזאמען שרייבן א בריוו צו מחזק זיין תורה, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון,

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

א רשימה פון 10 דפים פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש

**דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!**